# THE SHEPHERD OF ISRAEL

ENGLISH DEPARTMENT.

Subscription Price
50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JUNE 1923
VOL. III. No. 10


## WHAT THINK YE OF CHRIST?


By Robert Stuart MacArthur, D. D., LL. D.,


(Continued)

### STRIVING TO ACCOUNT FOR CHRIST

BUT how can we account for the perfection of His humanity if we deny the reality of His divinity? We ought, as students of literature and life, to strive to account for Jesus Christ. We strive to account for Socrates and Plato, for Moses and Joshua, for David and Isaiah, for John and Paul, for Chrysostom and Augustine, for Knox and Calvin, for Bunyan and Spurgeon, for Washington and Lincoln, for Lloyd George and Theodore Roosevelt. Are we not under the strongest possible obligations to account for Jesus Christ? Men say that Jesus Christ was good, but that He was not made God. Out of their own mouths these men convict themselves of inconsistency in their locutions and illogicality in their reasonings. If Jesus Christ be not God, He is not good. He is either an unpardonable egotist or a hopeless lunatic, or He is the Christ of God, and God over all blessed forever more. He claimed to be God, and if His claim be not true, how can He be good? The stream of His life flowed through the human race on a higher level, and rose to a vastly higher point, than any other stream known to human history or divine revelation. How shall we account for the height to which that stream rose? Water can never rise higher than its source. If that source were simply human, how can we account for the superhuman height which it reached? If we admit the account given in the Gospels of His virgin birth and divine origin, all His life is easily explicable.

But if we deny His unique origin we cannot logically account for His unique life. A life begun as was never another life we might expect to see continue as no other life continued. A naturally skeptical man finds it easier to admit the account of Christ's remarkable birth than to attempt to explain His remarkable life if he deny the remarkable birth. The unicity of His birth we would naturally expect to eventuate in the unicity of His life. His life cannot be explained on any principle of heredity. We readily admit the royal element in His blood although the fortunes of His family had fallen before His birth; but no law of heredity will account for the physical attractiveness, the mental superiority, and the moral purity of Jesus the Christ. Neither will environment account for His marvelous career and character. What was there in the peasant conditions of His family life to produce the uniqueness of His manhood? Neither will education account for the Christ. He never was in school, in the technical sense of that term, although He doubtless studied in the village synagogue; and yet He rose above all the limitations, traditions and bigotries by which He was surrounded. It is doubtful if He ever sat at the feet of the greatest rabbis of the time. A book has recently been written whose purpose is to show that Jesus spent eighteen years in India, from His appearance in the Temple as a boy of twelve to the time of His baptism, as a man of thirty. I have not the slightest objections to the idea of His going to India, if only He did go. But when the author adduces his proof he fails utterly, helplessly and hopelessly to show that Jesus ever went to India. It is certain that He never studied at the feet of the philosophers of Greece and Rome, nor of the dreamy Orient. He never traveled, except possibly barely across the confines of Palestine, a country about the size of the State of New Hampshire. How came He to emancipate Himself from the sectarianism and sectionalism of His country and century? How came He to be the contemporary of all the ages? How came He to utter in the sermon on the Mount truths which socially and religiously the foremost thinkers of today can barely understand, and dare not fully apply to the solution of the problems of the hour? No mere human thinker has ever approached the Sermon on the Mount. But in pure spirituality of thought, our Lord surpassed it in His last address to His disciples. This address bears ineffaceable marks of His supreme divinity and absolute deity. O, ye critics, I ask you, as a problem of literature and life, to account for Jesus the Christ. I ask no favors for Him. It is you that need the favors, if you oppose the Christ. I demand for Him simple justice. "What think ye of Christ?"

If Christ was merely the product of natural forces we might expect some other country, with far better opportunities than those of Palestine, to give us another and a better Christ. Palestine was a small country; it had no great newspapers, no libraries, no academies, no colleges, no universities. Its people, for the most part, were ignorant, prejudiced and bigoted. There could not have been a more unlikely place in which to find the foremost man of all the ages. Can Germany give us a Christ? She has given the world much that is good and bad. She has great gymnasia, wonderful universities, and marvelous technical schools. She boasts of her great scholars. Germany, give us a Christ! Germany is silent. She has no Christ to give. Christ is not the product of natural forces. He is the Son of God.

Can Great Britain give us a Christ? She owns one-quarter of all the land on this planet. The earth has 52,000,000 square miles; over 13,000,000 square miles the British flag floats. She has great scientists, philosophers, discoverers and artists. She has the University of Glasgow, the University of Edinburgh, the University of Aberdeen, and the University of Dublin; she has her Oxford and Cambridge. Great Britain, give us a Christ! Britain is silent. She has no Christ to give. He is the Son of God.

Can the United States give us a Christ? Our republic is famous for her inventions and discoveries. Her resources are boundless. She has vastly better means to furnish a Christ than had Palestine. But the United States is silent. She has no Christ. He is not the product of natural forces. He is the Christ of God. He is God blessed forevermore!

Dr. Geikie, in his life of Christ, calls attention to the fact that the Jews confess great admiration for the character and words of Jesus; that the Mohammedan world gives him the high title of Messiah; that the myriad-minded Shakespeare paid him lowly reverence, and that men like Galileo, Kepler, Bacon, Newton and Milton set the name of Christ above every other name. He also reminds us that Jean Paul Richter, whom his countrymen call "Der Einzige, the unique," tells us that "the life of Christ concerns Him who, being the holiest among the mighty, the mightiest among the holy, lifted with His pierced hands empires off their hinges and turned the stream of centuries out of its channel, and still governs the ages." Spinoza, the great philosopher, son of Portuguese Jews, disciple of Abenezra and Descartes, calls Christ the symbol of divine wisdom. Schelling and Hegel speak of Him as the union of the divine and human. The immortal Goethe, the acknowledged prince of German poets, and one of the most superbly accomplished men of the eighteenth century, says: "I esteem the Gospels to be thoroughly genuine, for there shines forth from them the reflected splendor of a sublimity, proceeding from the person of Jesus Christ, of so divine a kind as only the divine could ever have manifested upon earth."


**Williamsburg Mission To The Jews**
Throop Avenue and Walton Street
Brooklyn, N. Y

**OUR MEETINGS:**

**Friday, Gospel Service.............8.00 P. M.**
**Sunday, Gospel Service.............8.00 P. M.**

## גרויסע אידען.

דיעזען מאנאט שטעלען מיר דאס בילד פון'ם גרויסען איד, רעוו' אברהם הירשלער, פון רוסיש־פוילען.

ווי איהר זעהט דא דעם שעהנען גרייז־גרויען גרויסען איד האט ער אין זיינע יונגע יאהרען אסאך געלערענט און פיעל פערשטאנען. ער האט געקוקט אויף'ן לעבען מיט אפענע אויגען און ער האט מיט א פארוועהטאגטען הארץ צו געזעהן דיא שטענדיגע רדיפות און בזיונות וואס אידען שטעהען אויס איבעראל, בפרט אין רוסלאנד וואו מ'מאכט תמיד אויסנאהמען מיט אידען און מ'שליעסט אויס פעהיגע יונגע לייט פון גימנאזיאום — אזוי ווי מ'האט מיט איהם געטהון — אלץ ווייל זיי זיינען אידען.

ער האט זיך אליין געפרעגט: "פארוואס און פארוועז קומט דאס אונז? זיינען מיר דען ערגער פון אנדערע נאציאנען? פארוואס זיינען מיר אידען גראד אויסגעקליבען פאר'ן "שעיר המשתלח"? יא, נו, טאקע פארוואס?

געהענדיג אויף א געוויסע סטריט אזוי פארצווייפעלט און פאר'צרה'ט מיט טרויריגע מחשבות און מיט דער אונבעאנטווארטעטע פראגע "פארוואס און פארוועז"? איז ער גראד פארביי געגאנגען א סאבראניע (קירכע) פון וואו עס האט זיך געטראגען מארנע שעהנע טעהנער פון געזאנג וואס האט אנגעצייגט אז דארט דרין זיינען עפעס יא פאראן גליקליכע מענשען אויף דער וועלט, אלא ניט, ולשמחה מה זו עושה, וואס זיינען זיי עפעס אזוי פרעהליך?

זייענדיג נייגעריג צו וויסען וואס ס'טהוט זיך דרין, און נישט טרויען זיך אריין צו געהן אין אזא ארט וואו ער איז נאך קיינמאל ניט געוועזן, איז ער צוגעגאנגען צו דער טהיר און דארט אריין געקוקט כדי צו זעהן וואס יענע גליקליכע מענשען טהון דרין. אזוי קוקענדיג, איז ער פשוט נבהל ונשתומם געווארען קיינע צלמים דארט צו זעהן ווייל דאס איז בכלל ניט געוועזן א קאטוילישע קירכע, נייערט א מקום קדוש וואו פראטעסטאנטישע קריסטען, חסידי אומות העולם קומען זיך צוזאם אבצוגעבען א שבח צום בורא עולם וואס האט זיי ארויס געפיהרט מחשיכה לאורה בישוע המשיח וואס איז דער "אור העולם". (יוחנן ח, 12) דערנאך דרש'ענט מען דארט איבער דעם "דבר ד'" (תנ"ך) וואס איז ערפילט געווארען אין דעם הייליגען משיח, און זיי זיינען אויך מתפלל צו גאט בשם ישוע המשיח וויסענדיג אז אזאלכע תפלות געהען ארויף ביז צום כסא הכבוד אזוי וויא ישוע המשיח האט פארשפראכען אין יוחנן י"ד, 14.

אונזער אברהם איז ניט לאנג געשטאנען דרויסען ביי דער טהיר, ער איז אריין, און האט זיך הארציג צוגעהערט צו דער דרשה פון'ם קריסטליכען בעל דרשן. די דרשה איז געוועזן באזירט אויף ירמיה כ"ג, 5, 6: "הנה ימים באים נאם ד' והקמתי לדוד צמח צדיק . . . בימיו תושע יהודה וישראל ישכן לבטח . . ." ד"ה, אז דורך ישוע המשיח, דעם בן דוד, דעם צמח צדיק, קען ישראל געהאלפען ווערען א תשועת עולמים. דאס האט אונזערן גרויסען איד



רעוו. אברהם הירשלער

א נייַ ליכט אויפגעשיינט, הייסט עס, אז ס'איז יא פאראן א ישועה פאר ישראל, נאר ישראל וויים עס נעביך ניט, אזוי ווי גאט ב"ה בעקלאגט זיך דורך ישעיה הנביא קאפיטעל א: "ישראל לא ידע עמי לא התבונן." יענע דרשה איז איהם טיעף אין די ביינער און נאך טיעפער אין דער נשמה אריין.

באלד נאך דער דרשה האט געפאלגט א תפלה. נישט עפעס א מין תפלה ווי גאט באקלאגט זיך אויף ישראל "יען כי נגש העם הזה בפיו בשפתיו כבדוני ולבו רחק ממני" (ישעיה כ"ט 13) נייערט מיט גרוים כונה, בפה ובלב, מ'האט מתפלל געוועזן פאר אלע מענשען בכלל און פאר ישראל בפרט, און מ'האט געענדיגט די תפלה מיט: "מי יתן מציון ישועת ישראל בשוב ד' את שבות עמו יגל יעקב ישמח ישראל." ביי יענער תפלה האט זיך אונזער אברהם שטארק פערוואונדערט און ער האט זיך אויסאיינאנדער געוויינט. עס איז איהם שטארק קשה געווען: פון וואנען וויסען יענע גוטע מענשען פאר איהם צו בעטען פונקט דאס וואס עס פעהלט איהם? זיין הארץ האט איהם אנגעהויבען צו טיאכקען. ער האט אויף'ן שטעל בעקומען די "התעוררות דלעילא" און האט בכלל נישט געפיהלט אז די אסיפה איז שוין צו ענדע.

דער פרעדיגער איז צו איהם צוגעקומען און האט איהם מחזק געוועזן און מיט איהם אפאר שעה צו־געבראכט איהם צייגענדיג די סודות התורה ערפילט אין ישוע המשיח וואס איז דער גאנצער תכלית פון תורה והנביאים, ווייל אהנע ישוע המשיח איז דאס גאנצע תנ"ך נישט מעהר ווי א "ספר החתום", אונפארשטענדליך. (ישעיה כ"ט)

נאך א לענגערע חקירה ודרישה איז ביי אונזער אברהם'ן גאר קיין ספק מעהר געוועזן אז ישוע המשיח איז אמת וצדק, ער האט באקומען א נייעם כח, א נייע האפנונג, א נייעם הערץ און א נייַ לעבען. אלעס איז מיט איהם געווארען "כי טוב".

אונזער מאדערנער אברהם האט פלוצים דערהערט דעמזעלבען רוף וואס אברהם אבינו האט בעקומען פון גאט ב"ה: "לך לך מארצך וממלדתך . . אל הארץ אשר אראך...." ער איז באלד מיט דיא הילף פון יענע טייערע קריסטען אוועק נאך ענגלאנד. די גימנאזיע אין רוסלאנד איז טאקע פאר איהם געבליבען געשלאסען אבער די קאלעדזש אין סקאטלאנד איז פאר איהם אפען געשטאנען. זיינע אידישע בריעדער האבען טאקע פאר איהם צו געמאכט די טהירען אבער א וועלט מיט גוטע קריסטען האבען פאר איהם ברייט אויפגעעפענט די טהירען אלע האבען איהם געליעבט צוליעב זיין ערלעכקייט אויפריכטיגקייט און געלעהרזאמקייט.

כדי זיין שטודיאום צו פארפאלקאמענען איז ער געגאנגען אין דער דארטיגער אוניווערזיטעט און דאן האט ער זיין גאנץ לעבען געווידעמט לטובת ישראל ביז זיין אכציגער לעבענס־יאהר ווען ער איז אהיים געגאנגען צו זיין משיח זקן ושבע ימים איבערלאזענדיג אסאך גייסטיגע קינדער וואס זיינען דורך זיינע דרשות אויך געקומען צו דעם אוצר המאוצר בישוע המשיח ית"ש.

מיר מוזען זיך דא אביסעלע פערטראכטען און עפעס לערנען פון דיעזען גרויסען איד. ערשטענס. כאטש ער האט געקאנט זיין בכבוד גדול א פאסטאר אין א גרויסע קירכע, דאך האט ער זיך פון דעם אלעם אבגעזאגט כדי צו העלפען אויף אלערליי אופנים זיינע אידישע בריעדער. צווייטענס, אפילו אידען האבען איהם ווי געוועהנליך פארפאלגט און מבזה געוועזען דאך איז בייא איהם דער אמת טייערער געוועזן פון אלעם.

אנאליזירענדיג און בעטראכטענדיג דאס אלעס מוז מיר מודה זיין אז ער איז באמת געוועזן א גרויסער איד, ווייל נאר א גרויסער איד אין ישוע המשיח קען דעם אמת גראד קוקען אין דיא אויגען אריין אונטער אלע אומשטענדען. מי יתן והיה כל עם ד' כמוהו.

---

### בית שר שלום

סאר. טרופ עוו. און וואלטאן סטריט, ברוקלין, נ. י.

קומט צו אונזערע פערזאמלונגען

פרייטאג נאכט 8 אוהר - - - - פיר מענער און פ[illegible]

זאנטאג נאכט 8 אוהר - - - - פיר מענער און פרויען

מאנאטאג נאכט 8 אוהר - - - טעסטאמאניעל מיטונג

פערלאנגט אונזערע טראקטאטען

1) קול קורא
2) מה שמו...
3) לשני בתי ישראל
4) ויכוח
5) הנה העלמה..
6) למה חרה לך

THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

אני הוא הרעה הטוב יוחנן 10·11

# רועה ישראל

והקמתי עליהם רעה אחד יחזקאל לד.23

א מאנאט'ס בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents A Year

Published Monthly by the Williamsburgh Mission to the Jews
27 Throop Avenue, Brooklyn, N. Y.

JUNE 1923
VOL. III. No. 10

## ראבים וואס לייקענען די תורה.

פון א פסיכאלאגישען שטאנדפונקט קלינגט דאס עפעס ווי א פאראדאקס. ווי הייסט, א רב וואס נעהמט א געהאלט פון א אידישער געמיינדע כדי ער זאל פארטיידיגען און באלעהרען זיין קהילה די היילינע תורה, זאל ער גאר אבלייקענען תורת משה? איז דאס מעגליך אז זיינע "צאן קדשים" זאלען גאר האלטען אזא רב אין זייער בית־הכנסת?

אבער אויף היינטיגע מאדערנע רבנים איז בכלל ניטא קיינע קשיות צו פרעגען. עס איז ליידער א פאקט. אזוי איז עס, און אזוי בלייבט עס.

פאר איינינע וואכען צוריק האבען ענגלישע צייטונגען געדרוקט דאס ערשטוינענדע שטיקעל נייעס, אז א געוויסער ראבי האט עפענטליך גע־דרש'ענט זיין "צאצקעדיגען סוירמען" און האט ערקלערט אז ער גלויבט ניט אז די "עשרת הדברות" זיינען געגעבען געווארען אויף'ן בארג סיני; און אט דאס סענזאציאנעלע שטיקעל נייעס האט דאס קריסטליכע פובליקום געלייענט מיט ערשטוינונג, און דער קריסט פרעגט מיט פערוואונדערונג און מיט רעליגיעזע אויפרעגונג: "איז דאס מעגליך אז א אידישער ראבי זאל אזא מאדנע דרשה האלטען? וואס זאגען די אידען דרויף? שווייגען זיי און פראטעסטירען גאר ניט דאגעגען?" ניין! אידען האבען לגמרי קיין איינווענדונג געמאכט אנטגעגען דעם "ראבים" עפענטליכען ארויסטריט געגען דעם הויפט־פרינציפ פון אונזער הייליגער אידישער אמונה. אין געגענטייל, איינינע אידישע צייטונגען האלטען גאר "עולם ומלואו" פון יענעם גרויסען ראבי, והא ראיה, זיי דרוקען זיינע ארטיקלען אין זייערע פרומע בלעטלעך און זינגען לויב־געזאנג פאר איהם, אזוי ווי ביי זיי וואלט לחלוטין יעדע פארמע פון עהרען געפיהל אבגעשטארבען.

פאר איינינע וואכען איז געווען געדרוקט אן אנ־דער שטיקעל נייעס. דיא איוונינג פאסט האט פארעפענטליכט א בריעף פון אן ערלעכען קריסט וואס האט שטארק פראטעסטירט דערפאר וואס מ'האט אין א טעאטער פארגעשטעלט אונזער שלמה המלך אלס א פשוט'ען זינדער. ער האט גע'טענ'עט, אז באשר, אזוי ווי שלמה איז נישט געווען א פראסטער בשר ודם נייערט איז געווען א געטליכער מענש, איז עס ניט אנשטענדיג אז מ'זאל איהם אזוי נידריג באהאנדלען אויף דעם סטיידזש. זעהט איהר וואס פאר א געפיהל און רעספעקט א קריסט האט פאר אונזער תורה! וואסארע שרעקליכע ערשיינונג איז אידענטום! איהר הערט, א אידישער רעליגיאנס לעהרער, א ראבי פון א אידישער געמיינדע פערלייקענט אז די הייליגע תורה איז מן השמים, און מעהר אלס דריי מיליאן אידען אין אמעריקא קוקען און שווייגען. איז דאס שווייגען חלילה א "שתיקא כהודעה דמיא"?

"די תורה וואס איז געגעבען געווארען בקולות וברקים, מיט דונערן און בליצען. די תורה וואס איז פאר דריי טויזענד לאנגע יאהר דורכגעגאנגען שרעקליכע שלאכטען, באגעגענט די ערגסטע פארביסענסטע שונאים וואס האבען זי פערזוכט צו פארניכטען דורך פייער און וואסער, מיט שווערט און שפיעז, און איז תמיד ארויס דער זיעגער. די תורה וועלכע איז "לעד בבני ישראל". (דברים ל"א) דיא תורה וועלכע קיין וואפען פון מענשען, פרינציפאליטעטען אדער אפילו פון שדים, האבען ניט געקענט אברוימען פון דער וועלט. די תורה וועלכע האט דריי טויזענט יאהר אין פאראויס געזאגט כמעט אלע איינצעלהייטען וואס וועלען פאסירען מיט'ן פאלק ישראל, אט־א־די תורה, זאגט אונז דער ראבי, איז ניט געגעבען געווארען פון גאט נאר זי איז א מענשליכע ענטוויקלונג. אוי לאותה בושה!"

און וואס זאגען דערצו די דריי מיליאן אידען? שווייגען. וואס זאגען דערצו טויזענדע פרומע רבנים? שווייגען. און וואס זאגען הונדערטע אידישע רעדאקטערס און סתם שרייבערס? אלע שווייגען און פראטעסטירען גאר נישט געגען אזא מאדנעם געוואלט־ריס אין דער אידישער אמונה.

דאס טהון דיא אידישע רעדאקטערס נישט: דאגעגען אבער ווען זייא דערווישען נור עפעס א מקצת מן המקצת צו פובליצירען געגען מיסיאנערן וואס גלויבען יא אין תורת משה והנביאים און זאגען עדות פאר א וועלט קריסטען אז די תורה איז אמת, געגען אזאלכע שווייגען זיי שוין גאר נישט. און זיי צולאזען זיך אין אזא גאלופ מיט אזא ווילדען כח אז מ'קען זיי לגמרי ניט אבשטעלען.

איז עס א וואונדער אז אידען פארליערען דעם כבוד וואס ס'געהער צו זיי! באדענקט אייך נאר וואס פאר א פייער אזא ראבי"ס לעבערליכע אבלייקענונג פון דער תורה צינד אן אין די הערצער פון אונזערע ניט־אידישע שכנים! זייער ארגומענט איז ווי פאלגט:

"סטייטש, ווען דער ראבי וואס ווייסט וועגען דער תורה בעסער פון אלע אנדערע, ווען ער איז מודה און באקענט עפענטליך אז אלע זיינע פארגענגער, משה, די נביאים, די כהנים און אלע גרויסע פיהרערס פון ישראל, האבען די וועלט צום נאר גע־מאכט, פשוט אפגעפאפט און בעטראגען דיא גאנצע מענשהייט מיט אזא געמיינעם שקר אז גאט ב"ה האט גאר מיט זייא גערעדט און האט זייא געגעבען די תורה אויף'ן בארג סיני־ ווען א ראבי בעקענט דאס, איז עס דאך א סימן אז ס'איז אזוי. נו, (דענקען זיי זיך) ווען משה און דיא נביאים וואס זיינען ארויס געקומען מיט'ן "כה אמר ד'" זיינען געוועזען ליגנער און שווינדלער, וויאזוי זיינען נאך אלע אנדערע אידען? און אט אזוי קומען פיעלע צום שלום אז ס'איז גאר א מורא מיט אזאלכע מענשען צו פארקערען! אט דארט ליעבער לעזער שטעקט די געפאהר פון דער אנטיסעמיטישער מכה!

מיר וואס גלויבען אין ישוע המשיח באשטעטיגען און באפעסטיגען די תורה הקדושה אז זי איז יא מן השמים, אז גאט ב"ה האט יא גערעדט מיט אונזערע עלטערן, און יעדעס ווארט וואס ס'איז געשריבען אין דער הייליגער תורה איז אמת. און דערפאר ווייל מיר גלויבען דאס, גלויבען מיר טאקע אויך מהאי טעמא אין ישוע המשיח אויף וועם אלע נביאים האבען נבואות געזאגט אז ער איז דער גואל צדק אונזער פודה ומציל אין וועמען א וועלט מיט מענשען גלויבען און זיינען גליקליך דורך איהם. דערפאר זאגען מיר דא אין אלער אויפריכטיגקייט אז ס'איז לחלוטין קיין וואונדער וואס אזוי פיעל אידען גלויבען ניט אין ישוע המשיח ווייל ־ ווי ישוע המשיח זאגט אליין: "כי לו האמנתם במשה האמנתם גם בי כי עלי כתב אך אם בכתביו לא תאמינו איך תאמינו בדברי"(יוחנן ה: 47, 48) ד"ה, ווען אידען גלויבען ניט אין ישוע המשיח איז דאך א סמן אז זיי גלויבען ניט אין דער תורה ווארען דיא תורה שרייבט וועגען איהם.

שיקט אונז אייער נאמען און אדרעס און וועל מיר אייך צושיקען אונזער בלאט גראטיס.

Entered as second class matter April 14, 1922 at the Post Office at Brooklyn, N. Y. under the Act of March 3, 1879.